**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/24/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול זעצט פאר סטעיט-ברייטע ווארלד קאפ צוגרייטונגען מיט אומזיסטע קאמיוניטי צושויאונג פארזאמלונגען ביי סטאוני ברוק יוניווערסיטעט און קענסיקאו דעם פלאזא**

***אומזיסטע פארזאמלונגען וועלן איבערברייטערן צוטריט צום 2026 ווארלד קאפ און שטיצן לאנג-טערמיניגע יונגווארג סאקער אינוועסטירונג דורכאויס ניו יארק סטעיט***

***מער פרטים וועלן געמאלדן ווערן אינעם נאנטן צוקונפט; אינפארמאציע וועט זיין צו באקומען [דא](#)***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן צוויי אומזיסטע, גרויסע קאמיוניטי צושאויאנג פארזאמלונגען אויף לאנג איילענד און אין די מיד-האדסאן ראיאן אלס טייל פון ניו יארק סטעיט'ס קאארדענירטע באמיאונגען צו מאקסימיזירן די סטעיט-ברייטע און עקאנאמישע השפעה פון די 2026 ווארלד קאפ (World Cup) אין קאמיוניטיס דורכאויס דעם סטעיט. אנגעפירט דורך ניו יארק סטעיט און עמפייער סטעיט אנטוויקלונג (Empire State Development, ESD), וועלן די פאמיליע-פריינטליכע צושאויאונג פארזאמלונגען פארזיכערן אז ניו יארקער דורכאויס אלע ראיאנען קענען אנטיילנעמען אין די היסטארישע גלאבאלע מאמענט, בשעת'ן באפעסטיגן לאנג-טערמיניגע אינוועסטירונגען אין יונגווארג ספארטס און קאמיוניטי אינפערסטראקטור. די אומזיסטע פארזאמלונגען וועלן פארקומען אויף יוני 12 ביי סטאוני ברוק יוניווערסיטעט (Stony Brook University) אויף לאנג איילענד און אויף יולי 19 ביים קענסיקאו דעם פלאזא (Kensico Dam Plaza) אין וועסטשעסטער קאונטי, געפלאנט אינעם זעלבן צייט פון הויפט טורנעמענט פארמעסטן.

"ניו יארק איז שטאלץ צו שפילן א פירנדע ראלע אין דינען אלס גאסטגעבער פאר די 2026 ווארלד קאפ, אן איינמאל אין א גענעראציע גלאבאלע פאסירונג וואס וועט צייגן אונזער סטעיט פאר'ן וועלט און ברענגען עקאנאמישע אקטיוויטעט אין קאמיוניטיס דורכאויס ניו יארק," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט**. "אין צייט וואס פארמעסטן וועלן ציען אינטערנאציאנאלע אויפמערקזאמקייט, טוען מיר פארזיכערן אז יעדער ניו יארקער האט די געלעגנהייט צו אנטיילנעמען אין די היסטארישע געשעעניש דורך אומזיסטע, קאמיוניטי-באזירטע צושאויאונג איבערלעבענישן. אין די זעלבע צייט, טוען מיר מאכן לאנג-טערמיניגע אינוועסטירונגען אין יונגווארג ספארטס אינפערסטראקטור און קאמיוניטי פלעצער אז די בענעפיטן פון די ווארלד קאפ זאלן אנהאלטן לאנג נאך די לעצטע פייף."

בויענדיג אויף גאווערנאר Hochul'ס (האקול) ברייטערע סטראטעגיע צו נוצן גרויסע גלאבאלע געשעענישן צו ברענגען אנהאלטנדע בענעפיטן פאר'ן גאנצע סטעיט, וועלן די צושאויאונג פארזאמלונגען צוגעבן צו די לעצטנס געמאלדענע ניו יארק סטעיט [קאמיוניטי ווארלד קאפ גרענט פראגראם (Community World Cup Grant Program).](#) די באמיאונג טוט אויך פאראויסריקן גאווערנאר Hochul'ס (האקול) [גייט אראפ פונעם אינטערנעט, גייט ארויס אינדרויסן (Get Offline, Get Outside)](#) איניציאטיוו, וואס מוטיגט ניו יארקער זיך אויסצושטעקן פון דעווייסעס און פארברענגען צייט אינדרויסן אין זייערע קאמיוניטיס, דורך אקטיוויזירן פובליק ערטער דורכאויס דעם סטעיט און שאפנדיג געמיינזאמע, אקטיווע איבערלעבענישן פאר פאמיליעס.

אין צייט וואס גאווערנאר Hochul (האקול) האט געמאלדן איר סטעיט פון די סטעיט אגענדא, וועט די שטארק-ארויסגעוואַרטע גלאבאלע סאקער טורנעמענט ברענגען לאנג-טערמיניגע קאמיוניטי אינוועסטירונג דורכאויס ניו יארק טסעיט. אלס טייל פון איר סטעיט-ברייטע באמיאונגען, וועט גאווערנאר Hochul (האקול) גרינדן NY Kicks (NY שטויסט): א ווארלד קאפ לעגאסי אינוועסטירונג פאנד ( World Cup Legacy Investment Fund) צו אויסברייטערן יונגווארג סאקער אינפערסטראקטור אין שוואך-באדינטע קאמיוניטיס, שטיצן נייע און פארבעסערטע קאמיוניטי סאקער פעלדער און איינריכטונגען, ווי אויך פינאנצירונג פאר לאקאלע רעגירונגען און קאמיוניטי-באזירטע ארגעניזאציעס צו צושטעלן פראוגרעמינג, געצייג און טרענירונג וואס וועט בענעפיטירן יונגע מענטשן פאר א לאנגע צייט נאך וואס די טורנעמענט שליסט זיך.

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO און קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "די צושאויאונג פארזאמלונגען זענען בכוונה אויסגעשטעלט צו זיין קאמיוניטי-געטריבן און געאנקערט אין שטארקע לאקאלע צוזאמענארבעט, ברענגענדיג דעם איינמאל-אין-א-גענעראציע געלעגנהייט צו יעדער ווינקל פונעם סטעיט. דורך נאנט ארבעטן מיט לאקאלע פירער, ארגעניזאציעס און ביזנעסער, טוען מיר בויען איבערלעבענישן וועלכע רעפלעקטירן יעדער ראיאן'ס אייגנארטיגע אידענטיטעט, בשעת'ן פארזיכערן אז אלע ניו יארקער קענען צוקומען צו דעם געשעעניש."

**סטעיט יוניווערסיטי פון ניו יארק (State University of New York, SUNY) טשענסעלער John B. King Jr. (דשאן ב. קינג דשוניאר) האט געזאגט,** "SUNY איז שטאלץ צו ארבעטן מיט גאווערנאר Hochul (האקול) צו דירעקט ארייגברענגען דעם ווארלד קאפ אין אונזערע קאמיוניטיס. אפהאלטן דעם אומזיסטע צושאויאונג פארזאמלונג ביי די סטעיט יוניווערסיטעט פון ניו יארק אין סטאוני ברוק טוט רעפלעקטירן SUNY'ס מיסיע צו סערווירן קאמיוניטיס דורכאויס ניו יארק סטעיט. דאס איז א געלעגנהייט צו צאמברענגען פאמיליעס, איינשפאנען סטודענטן, און אינספירירן יונגע מענטשן דורך די כח פון ספארט. מיר זענען פארפליכטעט צו פארזיכערן אז די גלאבאלע מאמענט ברענגט א באדייטפולע לאקאלע לעגאסי פאר אלע ניו יארקער."

**סטעיט סענאט מאיאריטעט פירער Andrea Stewart-Cousins (ענדירע סטוארט-קאזינס) האט געזאגט,** "ברענגען אומזיסטע ווארלד קאפ צושאויאונג פארזאמלונגען צו קאמיוניטיס דורכאויס אונזער סטעיט טוט פארזיכערן אז די היסטארישע מאמענט קען ווערן מיטגעלעבט דורך אלע ניו יארקער. איך בין ספעציעל צופרידן אז קענסיקאו דעם פלאזא, וואס געפונט זיך אין מיין דיסטריקט, וועט אפהאלטן איינער פון די קאמיוניטי פייערונגען, געבנדיג פאר איינוואוינער אין וועסטשעסטער און די מיד-האדסאן ראיאן די געלעגנהייט זיך צו צאמקומען און זיין א טייל פון א גלאבאלע זאך גלייך דא אינדערהיים. פונקט אזוי וויכטיג, זענען די אינוועסטירונגען אין יונגווארג סאקער דורך NY Kicks וואס וועלן העלפן אויסברייטערן צוטריט צו שפיל פעלדער, געצייג און פראגראמען אין שוואך-באדינטע קאמיוניטיס, שאפנדיג געלעגנהייטן וואס וועלן אנהאלטן לאנג נאכ'ן לעצטע פארמעסט. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) און עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פאר זייער פירערשאפט אין אויסברייטערן צוטריט און אינוועסטירן אין קאמיוניטיס דורכאויס ניו יארק."

**סטעיט סענאטאר Anthony Palumbo (ענטאוני פעלומבאו) האט געזאגט,** "פון די ניסים אויפ'ן אייז אין 1980 ביז די מענער און פרויען'ס אלימפיק האקי געווינס דעם פארגאנגענעם וויקענד — האט ספארטס א וועג פון צאמברענגען אונזער צוטיילונגען, צאמברענגנדיג אונז אלע און דערמאנענדיג אונז איבער וואס עס איז וואס מאכט אונזער לאנד באמת געוואלדיג. די ווארלד קאפ צושאויאונג פארטי אין סטאוני ברוק יוניווערסיטעט וועט געבן א געלעגנהייט פאר מענטשן און פאמיליעס זיך צאמצונעמען מיט די רוח פון קאמיוניטי, און טשיר'ען פאר טיעם USA (Team USA) אלס שטאלצע אמעריקאנע."

**אסעמבלי מיטגליד Chris Burdick (קריס בורדיק) האט געזאגט,** "די ווארלד קאפ איז טאקע א גלאבאלע געשעעניש, אבער דער השפעה דערפון דארף געשפירט ווערן גלייך דא אינדערהיים. ברענגענדיג אומזיסטע קאמיוניטי צושאויאונגען צום קענסיקאו דעם פלאזא געבט פאר פאמיליעס דורכאויס וועסטשעסטער די געלעגנהייט זיך צו צאמקומען און זיין א טייל פון די היסטארישע מאמענט. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) פא איר פירערשאפט דאס צו ערמעגליכן און פאר'ן אינוועסטירן אין אונזערע יונגע מענטשן און אין די קאמיוניטי פלעצער וועלכע וועלן בענעפיטירן לאנג נאך די לעצטע פייף."

**אסעמבלי מיטגליד Rebecca Kassay (רעבעקע קאסעי) האט געזאגט,** "לאנג איילענד איז שטאלץ צו זיין א צאמקום פונקט פאר ניו יארק'ס פייערונג פון די 2026 ווארלד קאפ, און איך בין גליקלעך אז לאקאלע פאמיליעס וועלן זיך קענען צאמקומען ביי סטאוני ברוק יוניווערסיטעט פאר די אומזיסטע קאמיוניטי צושאויאונג פארזאמלונג. סאקער האט אן אויסגעוועטליכע כח צו פאראייניגן מענטשן דורכאויס קאלטורן, דורות און געגנטער, און די געשעעניש שטעלט צו א וואונדערבארע געלעגנהייט פאר יעדער איינער צו זיין א טייל פון די היסטארישע מאמענט. אין נאמען פון אונזער לאקאלע ביזנעס קאמיוניטי, בין איך גאר פרייליך פאר די געלעגנהייט צו ציען באטייליגטע צו געשעפטן און רעסטעראנטן צו מיטלעבן אלס וואס אונזערע קליינע ביזנעסער האבן צו פארקויפן. איך בין דאנקבאר צו גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר'ן ברענגען דעם געשעעניש צו אונזער ראיאן און פאר'ן פריאריטיזירן צוטריט, עפארדעביליטי און אן אנהאלטנדע ספארטס לעגאסי פאר אונזער סטעיט דורך יונגווארג ספארטס איניציאטיוון ווי NY Kicks. דורך אינוועסטירן אין קאמיוניטי ערטער און אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר יונגע ספארטלער, טוען מיר שטיצן אונזערע הייניטיגע קאמיוניטיס און פארמירן אונזער סטעיט'ס ליכטיגע צוקונפט!"

**סאפאוק קאונטי עקזעקיוטיוו Ed Romaine (עד ראומעין) האט געזאגט,** "דאס אז די ווארלד קאפ קומט קיין צפון אמעריקא איז א גרויסע געווינס נישט בלויז פאר הייסע פענס וואס פאלגן נאך די ספארט, נאר אויך פאר די וואס ווערן מיטגעכאפט מיט די מצב פון די טורנעמענט. צו האבן אזא פארזאמלונג גלייך דא אין סאפאוק קאונטי אויף די סטאוני ברוק קאמפוס וועט זיכער אוועקשטעלן דעם טאן פאר די ענטוזיאזעם וואס וועט אנהאלטן ביז זיי שפילן דעם פיינעל אין MetLife. מיר קוקן ארויס אויף דעם."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו Ken Jenkins (קען דזשענקינס) האט געזאגט,** "די ווארלד קאפ קומט גלייך צו אונזער טיר דעם זומער, און וועסטשעסטער קאונטי איז גרייט דאס צו ענטפאנגען. די FIFA 2026 ווארלד קאפ איז מער ווי בלויז א גלאבאלע ספארטס געשעעניש — עס איז א געוואלדיגע געלעגנהייט צו ווייזן אונזערע בילענדע קאמיוניטיס, פארשידנארטיגע קאלטור, בליענדע לאקאלע ביזנעסער און האספיטאליטעט אינדוסטרי פאר די אינטערנאציאנאלע געמיינדע. דורך אפהאלטן די פארזאמלונג ביי קענסיקאו דעם פלאזא אין יולי, טוען מיר פארזיכערן אז אלע וועסטשעסטער איינוואוינער קענען פולקאם אנטיילנעמען אין די היסטארישע מאמענט. מיר באדאנקען גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר'ן אריינרעכענען וועסטשעסטער אלס טייל פון דעם היסטארישע פייערונג."

**סטאוני ברוק יוניווערסיטעט פרעזידענט Andrea Goldsmith (ענדירע גאלדסמיט) האט געזאגט,** "סטאוני ברוק יוניווערסיטעט זעהט עס אלס א כבוד צו באגריסן טויזענטע פאמיליעס וועלכע רייזן פון איבער גאנץ לאנג איילענד צו אונזער קאמפוס פאר די ווארלד קאפ צושאויאונג פארזאמלונג, און מיר זענען דאנקבאר צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן אונז אויסוועהלן צו דינען אלס גאסטגעבער פאר די ספעציעלע פייערונג. אלס א פובליק יוניווערסיטעט און הויפט SUNY לאקאציע, טוט אונזער פארפליכטונג צו סערוויס זיך ציען אסאך ווייטער ווי די קלאס-צימער און אריין אין די קאמיוניטיס וואס מיר זענען שטאלץ צו שטיצן. די פארזאמלונג רעפלעקטירט אונזער פארפליכטונג צו זיין צוטריטליך, ווארעם און טיף-פארבינדן צו דעם ראיאן וואס מיר רופן אונזער היים. איך ווארט אויס צו זעהן ווי אונזער קאמפוס ווערט א צאמקום ארט פאר אונזערע שכנים זיך צאמצוקומען צו פייערן דעם היסטארישע גלאבאלע מאמענט."

די לאנג איילענד און די מיד-האדסאן פארזאמלונגען וועלן צושטעלן לעבעדיגע פארמעסט בראודקעסטס צוזאמען מיט קאמיוניטי-אנטוויקלטע פראגראמען געאייגנט צו אטענטישערהייט רעפלעקטירן יעדער ראיאן און פייערן ניו יארק'ס איפער פאר די וועלט'ס שפיל. געאייגנט אלס דרויסנדיגע איבערלעבענישן מיט די מעגליכקייט צו ענטפאנגען טויזנטע באטייליגער, וועט יעדער פארזאמלונג רעפלעקטירן די אייגנארטיגע כאראקטער פון איר ראיאן בשעת'ן שטיצן קאמיוניטי אינטערעסע, קליינע ביזנעס באטייליגונג און צוטריט פאר יעדער איינער.

פרטים איבער נאך פארזאמלונגען וועלן געמאלדן ווערט ביי א שפעטערדיגע דאטום. פאר מער אינפארמאציע, אריינקערעכנט וויאזוי זיך אויפצושרייבן צו ווערן איינגעמאלדן איבער צוקונפטיגע ניו יארק סטעיט ווארלד קאפ מעלדונגען, באזוכט די I LOVE NY וועבזייטל [דא](https://iloveny.com).

**איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**
עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור, און עס שטיצט ביזנעס וואוקס, די שאפונג פון נייע דזשאבס און מער עקאנאמישע געלעגנהייטן אריבער די סטעיט. מיט אפיסעס אין יעדע פון די סטעיט'ס 10 ראיאנען, טוט די ESD איבערזעהן די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס (Regional Economic Development Councils), שטיצן אינטערנעט סערוויס גלייכקייט דורך די ConnectAll אפיס און פארגרעסערן די ארבעטסקראפט פון די צוקונפט דורך די אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג (Office of Strategic Workforce Development). די אגענטור ארבעט מיט נייע און פארגעשריטענע אינדוסטריס ווי ריינע ענערגיע און סעמיקאנדאקטער מעניופעקטשערינג וואס זוכן זיך צו פארגרעסערן אין ניו יארק סטעיט, פירט אן א נעטווארק פון הילף צענטערן צו העלפן קליינע ביזנעסער וואקסן און מצליח זיין, און שטופט פאראויס די סטעיט'ס וועלט בארומטע טוריזם דעסטינאציע דורך I LOVE NY. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט ביטע esd.ny.gov, און פארבינדט זיך מיט די ESD אויף LinkedIn, Facebook און X.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן